לעאָניד דאַיען

# פּאָטאָס פון אייגענע קברים

פון מיין געבורט־היים פון דער ווייטער
האָב איך אַ טייער בריוועלע דערהאַלטן
מיט פּאָטאָס פונעם היגן בית־החיים,
פון קברים צוויי – דעם טאַטנס און דער מאַמעס
ווי זיס און... אוי, ווי ביטער! גלייך היץ־און־קעלט באַפאַלט,
פאַרכלינעט מיך אינגאַנצן, תיכף, באַלד.

אָט איז דער מאַמעס קבר, אָט – דעם טאַטנס...
מע האַלט זיי לייטיש אויף – אי פיין, אי ריין,
קיין סימן פון פאַרוואָלאָזטקייט, אָ, ניין,
דאָרט וואַקסן בלומען, ניט קיין ביטער־גראָז...
טאָ וואָס זשע איז מיר אַזוי ביטער? וואָס?

אָ, ווען איך וואָלט געקאָנט כאָטש אויף אַ רגע
דערקלייבן זיך אַהין אַ גלעט טאָן מיינע קברים,
כאָטש איינמאָל אָפּווישן דעם שטויב כ׳זאָל מעגן,
פאַרגינען־זיך באַגיסן כאָטש איינמאָל די קוויטן...
ווייל כל־זמן ווערט דאָס אַלץ געטאָן פון פרעמדע הענט
קען איך צו זיך ניט קומען און דאָס האַרץ מיך קלעמט.

דו, גורל פון מיין דור, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן, דו, אכזר? –
צעזייט, צעשפּרייט אונדז איבער גאָר דער וועלט
צעדריבלט אונדז,
געמאַכט אונדז שוואַך און מאַכטלאָז
פאַרוואָרפן אונדז
העט־העט צום הפקר׳ס שוועל.

* פון רוסיש: שרה זינגער.

# סאַן פראַנציסקאָ

שטאָט געגאַרטע מיינע, סאַן פראַנציסקאָ,
ווייסע ווענט ווי שניי, ווי וויינשל־צוויט,
כ׳האָב נאָך דיר געטרוימט און ניט אומיסטן
ס׳האָט דאָס האַרץ אַזוי צו דיר געפירט.

בין איך דאָ. צו דיר בין איך געקומען,
איבער גאַסן דיינע שפּאַן איך איצט
און עס פֿאָלגט מיך גלייך ווי דופט פון בלומען
העלער שמייכל דיינער טריט־נאָך־טריט.

פון די ביימער דיינע כ׳בין פאַרכישופט
שטאָציק – גאַסן דיינע, ווי דיין גורל איז,
אָפּט דערמאָנסט מיר אין אָדעס און קיעוו
און צומאָל אין פּראָג, צי גאָר – פּאַריז.

אָט, שוועבט־אויף דיין בריק אינמיטן הימל,
דיין מאַיעסטעטיש בראַווער גאָלדן־גייט.
און אין יעדן טייל, אין יעדן ווינקל
שטאָלצע שיינקייט איידל־קלאָר זיך שפּרייט...

ווינטער, זומער – ביסט אין אַלע צייטן
פול מיט יונגשאַפט, פול מיט ליכט, מיין שטאָט,
הלוואי ס׳זאָל דיך פון אַלדאָס בייז באַצייטנס
אייביק גאָט אויסהיטן טראָט־נאָך־טראָט!

## בטחון

די האָפֿענונג, זאָגט מען, צום לעצטן וועט שטאַרבן.
נאָר וואָס זאָל מען טאָן אויב זי צאַנקט פֿאַר דער צייט,
בעת די אָנמאַכט די בייזע איר שטראַל טוט פֿאַרדאַרבן
און פֿון בראַוון בטחון שוין גאָרניט ניט בלייבט?

וואָס ווייטער? צי שוין זשע פֿאַרבלייבט דאַן נאָר יאוש?
צי אפֿשר באַדאַרף מען זיך נעמען אויפֿסניי
און ווי אויף־צו־להכעיס אַ שפּאַן טאָן נביאיש –
דער בטחון זאָל פֿריש טאָן אַ שפּאַר פֿראַנק־און־פֿריי?